ב"ה, אונ בעט פון אים, אז ער זאל אויף אונז רחמנות האבען אין דעם חודש איר, מיר זאלען האבען גענוג אונזער שפייז, אזוי ווי השי"ת האט געשפייזט די יודען מיט דעם מן בזכות דיין ברודער משה, אונ דעם ברונעם וואסער פון דיין זכות וועגין, אז מיר זאלען חלילה ניט פאר ארימט ווערין, אונ דער עיקר איז, אז מיר זאלען גערייניגט ווערין פון אלע אונזערע זינד, אזוי ווי די יודין זיינען גערייניגט געווארין אין דעם חודש, ווען זיי זיינען אין דער מדבר געגאנגען מקבל זיין די תורה. הושיעה ה' את עמך וברך את נחלתך, העלף גאט דיין פאלק, אונ בענטש דיין נחלה, אונ דער הייב זייער מזל. אונ דערבארים זיך אויף זיי כרחם אב על בנים. אזוי ווי א פאטער טוט זיך ערבארימען אויף זיינע קינדער, אונ בענטש אונז דעם חודש איר צום לעבין, אונ געזונד, אונ מזל, אונ ברכה, אמן.

נאכהער זאגט מען דעם יהי רצון אונ מי שעשה נסים ווי ווייטער שטייט (נאך אלע חדשים'דיגע תחנות).

ווען מ'בענטשט ר"ח סיון זאגט מען דאס.

אתה נגלית בענן כבודך על הר סיני, רבש"ע דו האסט ערשיינט צו דיין פאלק ישראל אויף דעם בארג סיני, אונ האסט זיי די היילגע תורה געגעבין דעם זעכסטין טאג אין חודש סיון, וואס מיר קומען יעצט בענטשין אונ היילגען, דרום ליבער גאט געדיינק אונז דעם זכות וואס מיר האבין דיין ליבע היילגע תורה מקבל געוועזן, אונ מיר זיינען דיר געווארען א געליבטע פאלק, אבער ווען דו ביזט צו ישמעאל'ן מיט עשו'ן געגאנגען, האבען זיי דיין תורה ניט געוואלט נעמען, דרום דערמאן אונז דעם זכות אונ בענטש אונז, אונ ערלייכט אונזערע קינדער די אויגין צו דער תורה, אום זיי זאלין האלטין דיינע מצות, אונ ערבארים זיך איבער אונז, דען מיר זיינען יעצט געגליכען צו איין אשה וואס איר מאן איז אין א ווייטע וועג אוועק געפארין, אונ האט איר איבער געלאזט אין ארימקייט אונ אין פיין, די טוט האפין אלע טאג אז איר מאן וועט קומן, אונ איר מזל וועט דער הויבען ווערין, אזו אויך מיר דיין פאלק ישראל, הגם דו האסט זיך דערווייטערט פון אונז און מיר זיינען יעצט געגליכען ווי איין אלמנה, אבער מיר האפען צו דיר ליבער גאט, אז דו וועסט זיך אום

קערין צו אונז, אונ דו וועסט ווידער ביידין מיט אונז פה אל פה, אזוי ווי דו האסט מיט אונז גירעט אויף דעם בארג סיני, אונ דו וועסט בויען דיין קרוינשטאט ירושלים גיך אונ באלד, אונ די שיינקייט פון דיין נאציאן, דעם בית המקדש, זאלסטו אונז בויען דאס מיר זאלין דיר ווידר דינען וויא צמאל, וכשנים קדמוניות וויא אין די פריערדיגע יאהרין, אמן סלה.

תורה תורה! גיי ארויף אין הימל אונ זייא מליץ טוב פאר דייגע קינדער ישראל, אונ דערמאן פאר דעם רבון העולמים וויפעל בלוט עס איז פון זיי פארגאסען גיווארין פון דיינטוועגין אין חודש סיון אונ וויפיל צדיקים זיינען אויף קידוש השם אומגעקומען, אונ וויפעל בלוט פון קליינע קינדער, וואס מען האט זיי אויף דער מוטערס ברוסט גיטויט, וואס עס איז ניט מעגליך פאר צו שטעלין די ווייטאגין וואס מיר האבען אין יענע צייטין גיהאט, אונ דאס איז אלס גיוועזין, ווייל זיי האבען ניט גיוואלט מחלל זיין דעם הייליגען ברית פון דער תורה, אונ פארשטערין אירע גיזעצין, דרום גיהערסטו צו דער מאנען דעם זכות פאר דעם כסא הכבוד, דאס עס זאל גיגליכין זיין די בלוט, ווי די בלוט פון די קרבנות וואס מען פלעגט שפריצען אויף דעם מזבח, עשה למען תינוקות של בית רבן, טו פון וועגין די קליינע קינדער, וואס זייא לערנען אין חדר דיין הייליגע תורה, אונ בענטש אויף אונז דעם חודש סיון, אז מיר זאלען זוכה זיין גוטע קינדער צו האבין, אונ מיר זאלען זיי קענען מגדל זיין צו דיין ליבע תורה אונ צו מעשים טובים. ונאמר אמן.

נאכהער זאגט מען דעם יהי רצון אונ מי שעשה נסים ווי ווייטער שטייט (נאך אלע חדשים־דיגע תחנות).

ווען מ'בענטשט ר"ח תמוז זאל מען די תחנה זאגען.

רבון העולמים ואדוני האדונים! הער פון אלע וועלטין, אונ הער איבער אלע הערין, מיר קומען פאר דיר יעצט בענטשין אונ הייליגען דעם חודש תמוז דאס אין דעם אנדערין טאג ראש חודש האט אונזער מוטער רחל איר טייערן זוהן יוסף הצדיק גיבאהרן, עס זאל זיין דער ווילען פאר דיר גאט אונזער גאט, דאס עס זאל דער־וועקט ווערין אויף אונז דער זכות פון אונזער מוטער רחל, אזוי ווי דו האסט גיהערט איר גיבעט, ווען זי האט גרויס צער געליטען, דאס זי